


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת תולדות תשפ"ה

גליון 392

## אמרות שמשון

### גרים קומען פון בני עשו נישט פון בני ישמעאל

**וַיֹּאמֶר ה' לָהּ שְׁנֵי גוֹיִם בְּבִטְנֵךְ וּשְׁנֵי לְאֻמִּים מִמֵּעַיִךְ יִפָּרֵדוּ** (כה, כג). מען קען ערקלערן א טעם פארוואס מען זעט אז פון די אייניקלעך פון עשו קומען ארויס גרים, אזוי ווי מיר געפינען אין חז"ל אז פון בני עשו איז ארויסגעקומען 'קטיעא בר שלום' (עבודה זרה דף י:), 'שמעיה ואבטליון' (גיטין נז.), 'רבי מאיר' (גיטין דף נו.), אזוי אויך איז ארויסגעקומען פון עשו 'קלצטונירי דרבי חנינא בן טרדיון', (דער וואס האט פארברענט רבי חנינא בן טרדיון, און האט אים פארלייכטערט די יסורים, און האט זיך שפעטער אריינגעווארפן אין פייער צוזאמען מיט אים, און רבי חנינא האט אים צוגעזאגט עולם הבא, כמבואר בעבודה זרה דף יח.). דאקעגן פון די אייניקלעך פון ישמעאל איז זייער זעלטן עס זאל ארויסקומען גרים.

**די** סיבה דערצו איז וויבאלד יעקב אבינו איז געווען צוזאמען מיט עשו הרשע 'במעי אמו', וואס דאס האט צוגעברענגט אז די כח הקדושה זאל נתרבה ווערן, אז עס זאל קענען ארויסנעמען די נצוצות דקדושה פון צווישן די קליפות, און עס האט געהאט א השפעה אויף די שפעטערדיגע דורות. (אות ג' ד"ה ומשום הכי)

### כלל ישראל שטארקט זיך צוליב פחד און מורא פון עשו הרשע

**וּלְאֹם מִלְאֹם יֶאֱמָץ** (שם). מען קען פארטייטשן בדרך רמז, אז איינער טוט שטארקן די אנדערע, דאס הייסט אז כלל ישראל ווערט געשטארקט דורך עשו הרשע.

**אזוי** ווי עס שטייט אין 'חז"ל' (בראשית רבה ס"ה כ), **כל זמן שקולו של יעקב נשמע בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, אין הידים ידי עשו שולטות, וכשמרפה עצמו מדברי תורה אז שולט עשו**. ווילאנג עס הערט זיך די קול פון יעקב אין בתי כנסיות און בתי מדרשות, האט עשו נישט קיין כח צו געוועלטיגן איבער כלל ישראל, אבער אויב ווערט די קול יעקב אפגעשוואכט, דאן באקומט עשו א כח און קען חלילה שעדיגן כלל ישראל.

**דעריבער** דארף כלל ישראל שטענדיג זיכער מאכן צו שטארקן די 'קול יעקב', צוליב די פחד און מורא פון 'ידי עשו', אז עשו זאל זיך נישט קענען שטארקן איבער זיי. (שם ד"ה ועוד הוסיף)

### יצחק אבינו ווייסט נישט דער טאג פון זיין פטירה

**וַיֹּאמֶר הִנֵּה נָא זָקַנְתִּי לֹא יָדַעְתִּי יוֹם מוֹתִי** (כז, ב) לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט יצחק אבינו געדארפט צולייגן אז ער ווייסט נישט ווען ער וועט נפטר ווערן, עס איז דאך א זאך וואס קיינער אויפן וועלט ווייסט נישט, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (פסחים נד:) אז דאס איז איינע פון די זיבן זאכן וואס איז פארהוילן פון מענטשן.

**מען** קען ענטפערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (ילקוט שמעוני ויחי רמז קנ"ז), אז יצחק אבינו האט געוואוסט די זמן הקץ, ווען כלל ישראל וועט אויסגעלייזט ווערן פון גלות, וואס דאס איז אויך איינע פון די זיבן זאכן וואס איז פארהוילן פון מענטשן.

**דעריבער** וואלט מען געקענט טראכטן אז וויבאלד ער ווייסט די זמן הקץ, אפשר ווייסט ער אויך ווען ער וועט נפטר ווערן, דעריבער האט יצחק אבינו צוגעלייגט 'לא ידעתי יום מותי'. (אות ח' ד"ה וי"ל)

### סיבה פארוואס דער יום המיתה ווערט נישט אנטפלעקט

**וַיֹּאמֶר הִנֵּה נָא זָקַנְתִּי לֹא יָדַעְתִּי יוֹם מוֹתִי** (שם). עס שטייט אין חז"ל (פסחים נד:) אז די יום המיתה איז איינע פון די זאכן וואס איז פארהוילן פון מענטשן.

**מען** קען ערקלערן דער טעם דערפון, וויבאלד יעדע מענטש קומט אראפ אויפן וועלט צו פארריכטן א געוויסע זאך לויט זיין שורש נשמה, און ווען ער ענדיגט דאס צו מתקן זיין ווערט ער נפטר אפילו אויב עס איז נאכנישט אנגעקומען זיין צייט (עיין עץ חיים שער מ"ט פ"ה). דעריבער קען מען נישט מודיע זיין פאר א מענטש ווען ער וועט נפטר ווערן, וויבאלד עס האט נישט א באשטימטע צייט, ווייל אויב וועט ער פריער ענדיגן צו מתקן זיין די תיקון, וועט ער נפטר ווערן בעפאר זיין צייט.

**און** די סיבה פארוואס מען אנטפלעקט נישט פאר א מענטש וואס ער דארף מתקן זיין, (וואס דורכדעם וואלט מען געקענט וויסן ווען מען וועט נפטר ווערן), וויבאלד דעמאלטס וואלט יעדע מענטש געווען פארנומען בלויז מיט זיין תיקון, און מען וואלט נישט עוסק געווען אין תורה און אין אנדערע מצות, און א מענטש איז מחויב צו עוסק זיין בתורה ומצות פארן קיום העולם.

**אזוי** אויך וואלט מען צוגעקומען צו מזלזל זיין אין אנדערע מצות, ווייל מען וואלט זייער מדקדק געווען אין די מצוה פונעם תיקון, און נישט אין אנדערע מצות, דעריבער איז דאס אויך פארהוילן פון די מענטשן. (אות ט' ד"ה ועוד לתיקון העולם)

זרע שמשון

לומדים זרע שמשון
חדש!
ספר זרע שמשון בחמש כרכים



תורמים ורואים ישועות
אל תחמיצו!
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
האשה הצדקנית מרת
סילקא לאה גולדוואג
ע"ה בת הגאון רבי משה חיים בלום זצ"ל
רבה של זמושץ
נלב"ע כט חשון תש"ע
ת.נ.צ.ב.ה.

הצלחה וברכה
צבי יצחק דוב
בן גיטל חיה
וזוגתו מרים סאבל
בת אסתר
בנו החתן שמעון יחזקאל
ובניו ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לכל הברכות של המחבר זי"ע בקרוב ובניקל

ברכות וישועות
מרדכי בן רחל
שיזכה לזיווג הגון פרנסה טובה ועשירות גדולה ומציאת דירה לקניה במהרה ובריאות איתנה

לזכות ולברכה
להצלחת השותפים התורמים ומשפחותיהם החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי חיי אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח
זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

ישועה וברכה
דניאל אורי
בן רג'נה מלכה
שיזכה לעשירות שפע ברכה והצלחה בכל העניינים ובשורות טובות בקרוב ממש

הצלחה וברכה
ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו ויהיה ברכה ושפע רב בקרוב ממש מתוך מנוחת הגוף והנפש וימצא חן בעיני כולם

לעושר וכבוד
אשר אנשיל דוד
בן נילי
שיחזור בקרוב למצבו הראשון ויזכה להצלחה מרובה ועשירות

שפע וברכה
שאול בן רחל
לרוב ברכה והצלחה ולשפע בלי גבול

נייע נומערן
קול זרע שמשון
אויף אידיש דריק 2
ארץ ישראל 02-80-80-400
ארה"ב 605-313-9610
לונדון 333-070-6534
• שיעורים • סיפורי ישועה • זרע שמשון נייעס •
שמעו ותחי נפשכם
פאַר דירעקט אַקסעס צו אַלע דרשות וואָס זענען דערהייַנטיקט טעגלעך:
לשה"ק: 1-4 אידיש: 2-5
אנגלית: 3-1
פאַסאַנייטינג ינטערוויוז 1-1-5

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה




## די יאר יערליכע 'פרשת תולדות'

**עס** איז געווען אין א רואיגער אווענט - מאנטאג נאכט פרשת תולדות שנת תשע"ז - ר' משה ראב הי"ו, א חשוב'ער בעל הבית וועלכע פירט א שיינע ביזנעס, איז געזעצן און געלערנט מיט זיין חברותא די טעגליכע קביעת עיתים, ביים ענדע פונעם שיעור - אזוי ווי יעדן טאג - האט ער אויפגעמישט דער הייליגער ספר 'זרע שמשון', צו לערנען צוזאמען מיט זיין חברותא הרב צבי גרענוואוויטש שליט"א.

**דער** שטיקל זרע שמשון וואס זיי האבן געלערנט יענעם טאג, האט זיי פערזענליך איבערגענומען. דער הייליגער מחבר זי"ע שרייבט מורא'דיגע ווערטער אין אמונה און ביטחון, וז"ל (פרשת תולדות אות י"ב):

**"ואגב ארחין יש לקחת מוסר השכל, שכל אדם יש לו להכיר בכל מעשיו נפלאות מעשי ה', כי אין בכח האדם לעשות כלום אם לא בחסד ה', שאין אדם נוקף אצבעו למטה, אלא אם כן נגזר עליו מלמעלה. וכן בכל ריוח שיעשה, אל יאמר כי זה בא לו בהשתדלותו העצום, אלא חסד ה'. אם יעלה לגדולה אל יאמר כי חכמתו גרמה לו, רק חסד ה'"."**

**דער** זרע שמשון איז מאריך צו ערקלערן פשט אין די פסוקים איבער דאס וואס רבקה האט געגעבן די 'גדיים' פאר יעקב ער זאל עס ברענגען פאר יצחק אבינו, און ווען יעקב ברענגט עס זאגט ער פאר יצחק 'כי הקרה ה' אלקיך לפני'. לכאורה דארף מען פארשטיין, די גדיים זענען שוין פונלאנג געווען ביי רבקה אינדערהיים, פארוואס זאגט ער - 'כי הקרה' - עס האט זיך מיר געטראפן די גדיים?

**ערקלערט** דער זרע שמשון, אז יעדע זאך וואס א מענטש פארמאגט, אפילו עס זעט אים אויס אז ער האט עס נאטירליך און עס איז נישט אנגעקומען צו אים דורך א אומגעוועגליכע אופן, דארף ער וויסן אז דאס אלעס קומט פון די גרויסע חסד פונעם אויבערשטער, און יעדע זאך וואס א מענטש פארמאגט איז א באזונדערע חסד ה', און גארנישט קומט נישט אן סתם אזוי צו א מענטש.

**דעריבער**, טראץ וואס די גדיים זענען סתם אזוי געווען ביי רבקה, איז עס נישט א דבר המובן מאליו, עס איז א באזונדערע חסד ה' אז עס איז געווען דארט, דעריבער זאגט יעקב פאר יצחק 'כי הקרה ה' אלקיך לפני'.

**לערנענדיג** אזעלכע מורא'דיגע ווערטער אין אמונה און ביטחון, איז ר' צבי געווארן זייער צוקאכט, און איז עס איבערגעגאנגען איינמאל און נאכאמאל, און פון גרויס התפעלות האט ער באשלאסן אז ער מוז דאס איבערזאגן פאר גרויסן וועלט בארימטע משפיע הגה"צ רבי אלימלך בידרמאן שליט"א, וואס איז באקאנט מיטן אויפפלאקערן אידישע הערצער און אריינגיסן הויפענעס פון חיזוק בעניני אמונה און ביטחון פאר צענדליגע טויזנטע אידן איבער די וועלט.

**איבערהויפט** וואס דערמיט וועט ער אין איינוועג'ס זוכה זיין צו מזכה זיין נאך טויזנטע אידן צו הערן איבער דער גרויסער צדיק דער הייליגער זרע שמשון זי"ע, און עס וועט זיין א מורא'דיגע זכות צו מקיים די רצון און בקשה פונעם צדיק.

**ער** האט זיך נישט געזוימט און גלייך גערופן 'ר' מיילעך', און אים נאכגעזאגט די מורא'דיגע מציאה וואס ער האט געטראפן אינעם ספר זרע שמשון. ר' מיילעך האט זייער הנאה געהאט דערפון, און יענע וואך ביי די שיעורים אין אידיש און אין לשון הקודש, האט ר' מיילעך נאכגעזאגט די ווערטער מיט זיין אייגנארטיגע ברען און קאך, און דערביי האט ער צוגעלייגט איבער די געוואלדיגע סגולה פון לערנען דער ספר וואס איז מסוגל פאר אלע ישועות.



המשפיע הרה"צ רבי אלימלך בידרמן שליט"א בסעודת הילולא לכבוד הזרע שמשון

**די** ווערטער פון ר' מיילעך האט געהאט גאר א שטארקע אפקלאנג, און אזוי אויך אין די וועכענטליכע קונטרס 'באר האמונה' איז ציטירט געווארן די לשון פונעם זרע שמשון, און זינט דעמאלטס זאגט עס ר' מיילעך יעדע'ס יאר ביים וועכענטליכע שיעור פרשת תולדות.

**עס** איז אריבער א ווייל, און ר' צבי האט גענצליך פארגעסן פון די שטורעם וואס ער האט פאראורזאכט, און האט ווייטער ממשיך געווען צו לערנען יעדן טאג א שטיקל זרע שמשון ווי געווענליך.

◆ ◆ ◆

**עס** איז אריבער א יאר, מאנטאג פרשת תולדות שנת תשע"ח, איז געבוירן געווארן א מיידעלע ביי ר' צבי אינדערהיים, נאך עטליכע יאר וואס ער האט געווארט צו געהאלפן ווערן מיט נאך קינדער.

**שבת** קודש האט ר' צבי געפראוועט א שיינע גרויסע קידוש לכבוד די שמחה, און האט בכלל נישט געדענקט וואס האט פאסירט פאריגע יאר אום פרשת תולדות.

**צווישן** די צענדליגע אידן וואס זענען געקומען זיך משתתף זיין ביי די שמחה איז געווען זיין ידיד - ר' ישראל - וועלכע איז א שטענדיגער לערנער אין דער ספר זרע שמשון, און האט מיטגעהאלטן און געדענקט די מעשה פון א יאר צוריק.

**ר'** ישראל האט אים געוואונטשן א ווארעמע ברכת מזל טוב, און בשעת מעשה האט ער דערמאנט פאר ר' צבי וואס האט פאסירט לעצטע יאר, און ער פרעגט אים: " דו פארשטייסט וואס גייט דא פאר? דו באמערקסט ווי דער זרע שמשון האט דיר צוריק באצאלט?

**ר'** צבי האט זיך גלייך געכאפט, און אויפגעשפרינגען פון התרגשות, דאס איז דאך פונקטליך א יאר פון יענע מעשה, וואס איך זוכה געווען צו פארשפרייטן די הייליגע ווערטער פונעם צדיק, אויף א אויסטערלישע פארנעם, און היינט שטייט מען פונקטליך א יאר שפעטער און ער האט זוכה געווען צו 'פרשת תולדות', ער פראוועט א קידוש פאר א נייע געבוירענע טאכטער.

◆ ◆ ◆

**עס** איז שוין אריבער עטליכע יאר, און ר' צבי פארציילט א פלא פון א זאך:

**פון** יענע יאר וואס ר' מיילעך האט בזכותו אנגעהויבן נאכצוזאגן יעדע'ס יאר דער ווארט פונעם זרע שמשון פרשת תולדות, פאר צענדליגע טויזנטע אידן איבער די וועלט. יעדע'ס יאר ווען עס קומט צו תקופה פון 'פרשת תולדות' איז ער זוכה צו זען א באזונדערע סייעתא דשמיא אויף א וואונדערליכע פארנעם, און ער ווערט געהאלפן יעדע'ס יאר פון דאסניי מיט פארשידענע ישועות און ענינים וואס ער דארף געהאלפן ווערן, והוא לפלא.


ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו